בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
פ' שלח תשפ"ב
Vol. 35A
United Jewish Community of Blooming Grove · Est. 2019

**זמנים**

**שלח**

הדלקת הנרות
**8:19**

סו"ז קריאת שמע
**8:36**

זמן מוצש"ק
**9:47**

יָמִין וּשְׂמֹאל תִּפְרֹצִי וְאֶת ה' תַּעֲרִיצִי:

# ערשטער גליקליכער איינוואוינער זיך אַריינגעצויגן בשעה טובה ומצלחת אין ניי-אויפגעכאַפּטע "באַרנס" אומגעגנט אין טאַון אָוו בלומינגראָוו

## ווילעדזש פּרובירט אויס סעמפּל מאדעלס פון "סאלער" עלעקטעריק צו באַלייכטן די גאַסן פון דער שטאָט

אין די לעצטע טעג האָט דער ווילעדזש אָנגעהויבן מיט דעם לאַנג - ערוואַרטעטן אונטערנעמונג, צו אינסטאָלירן עלעקטערישע באַלייכטונגען אַרום די גאַסן פון אונזער שטאט, וואָס וועט פאַרלייכטערן דעם צושטאַנד אויף די ראָודס, און פאַרמיידן אַ געפאַר פון סכנת נפשות חלילה, איבערהויפּט אין די זומער חדשים, ווען מען שפּאַצירט מער אויף די טונקעלע ראָודס.

אַדאַנק די אַקטיווע כח השתדלנות איז ערמעגליכט געוואָרן אַז די פאנדינג פאר דעם קאָסטבאַרן פּראָיעקט זאָל נישט דאַרפן פינאַנצירט ווערן דורך די שטייער צאָלער, נאר עס זאל ווערן באַצאָלט דורך אַ ספּעציעל "גרענד" וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך סטעיט סענאַטאָר סקופּיס, וועלכער האָט צוערשט געברענגט פאַר'ן ווילעדזש אַ גרענד פון 75 טויזנט דאָלער, און און האָט אַנומלט געמאָלדן איבער אַ פרישע 75 טויזנט דאָלער גרענד פאר דעם זעלבן פּראָיעקט.

לויט די פּלענער וועלן די ווילעדזש גאַסן באַלאָכטן ווערן אין צוויי באַזונדערע פאַזעס. צוערשט וועט אינסטאָלירט ווערן די "סאלער" עלעקטריק ביי אַלע אינטערסעקשאָנס פון דער שטאָט, וואו עס איז דאָס וויכטיגסטע פאר די זיכערהייט פון פארבייגער. דערנאָך וועט מען דורכפירן דעם קומענדיגן שטאַפּל, צו אינסטאָלירן "סטריט לייטס" אויך לענגאויס אַלע גאַסן, וואָס וועט טוישן דעם גאַנצן אויסזען פון דער שטאָט צום גוטן.

אַצינד איז מען שוין ב"ה צוגעטרעטן צו די פּאַקטישע אָנהויב פון דעם פּראָיעקט, ווען דער ווילעדזש האָט שוין אינסטאָלירט אַ רייע פון "סעמפּל מאדעלס" פון די סאָפיסטיקירטע "סאלער" עלעקטעריק באַלייכטונגען.

דער "סאלער" טעכניק איז ספּעציעל אויסגעקליבן געוואָרן, צוליב דעם וואָס

(פּאַרזעצונג אויף זייט 3)

# ווילעדזש לייגט ארויס ”בידס” פאר שאָסייען און דרעינעדזש רענאָוואַציע פּראָיעקטן אויף עטליכע לאָקאַלע גאַסן

אין די יעצטיגע טעג האט די ”ווילעדזש אוו בלומינגראוו” ארויסגעלייגט א ”ביד” פאר פירמעס וועלכע וועלן אויפקומען מיט די בעסטע פרייז פארשלאג פאר די נויטיגע ארבעט פון פאררעכטן די שאסייען און אפלויף סיסטעם פון א צאל גאסן אין דער ווילעדזש.

עס איז די רעדע פון ארבעט וואס דארף שוין לאנג געטון ווערן אויף די גאסן פון מעריוואלד לעין נארט, לעיק שאור און פראספעקט וואו די שאסייען דארפן ווערן פאררעכטן און די דרעינעדזש סיטעם דארף ווערן איבערגעמאכט צוליב זייער אומפונקציאנירנדע צושטאנד.

אייגנטליך איז די ”ביד” שוין געווארן ארויסגעגעבן און פארגעלייגט דורך די ווילעדזש אין די פארלאפענע מאנאטן בעפאר דעם יום טוב פסח, אבער פון די אלע פארשלאגן וועלכע זענען אריינגעקומען צום ווילעדזש דורך קאנטראקטער און בוי פירמעס איז נישט צושטאנד געקומען קיין איינע פון זיי. די ווילעדזש באאמטע זענען נישט געווען צופרידן פון די הויכע פרייזן וועלכע זענען געווארן פארגעשלאגן, וואס שטימט נישט מיט דעם אויסגערעכנטן בודזשעט.

דעריבער איז באשלאסן געווארן צו ווידער ארויסלייגן א ”ביד” און האפענטליך וועט אצינד אריינקומען בעסערע פארשלאגן, אז די וויכטיגע אינפראסטרוקטור זאל ענדליך ווערן איבערגעמאכט, נוצליך און טויגליך פאר די לאקאלע איינוואוינער.

עס איז צום ערווארטן אז די ווילעדזש זאל ענדגילטיג קענען אויפנעמען א היימישע קאמפאני צו טון די קאסטליכע ארבעט, און די פינאנצן פון דעם פראיעקט זאל גיין צו א היימישן קאנטראקטער, אזוי אז עס זאל זיין א ריכטיגע ”מעיד אין בלומינגראוו” פראדוקט, וואס זאל בארייכערן סיי די בלומינגראוו אינפראסטרוקטור און אויך די לאקאלע עקאנאמיע אין א בחי' פון ”לכו והתפרנסו זו מזו”.

ווי נאר די ווילעדזש וועט באשליסן און ארויסגעבן א ”ביד” וועט געמאלדן ווערן פאר די בלומינגראוו איינוואוינער די גינסטיגע נייעס, און אויך די פונקטליכע סקעדזשועל ווען די ארבעט איז ערווארטעט צו אריינגיין אין די אקטיווע שטאפלען.

ומתקנין את הדרכים ואת הרחובות ואת מקוואות המים.

# בלומינגראווער קהילות ערהאַלטן ”האָומלענד סעקיוריטי” גרענט פאַר שולן זיכערהייט

מיט צופרידנהייט ווערט אויפגענומען די מעלדונג פון א צאל קהילות און בתי מדרשים אין ווילעדזש אוו בלומינגראוו אז זיי האבן ערהאלטן די ”האומלענד סעקיוריטי גרענט” פון 50,000 דאלאר צו דעקן די קאסטן און פארזיכערן די ערטער פון געפארפולע אינצידענטן, על כל צרה שלא תבוא.

די קהילות און בתי מדרשים האבן אריינגעגעבן אן אפליקאציע צו די פעדעראלע ”היימלאנד זיכערהייט” אגענטור צו געניסן פון די ”זיכערהייט גרענט” וואס די רעגירונג אין וואשינגטאן האט צוגעטיילט פאר בתי מדרשים און צוזאמענקום ערטער וועלכע קענען זיין אין געפאר פון בייזע עלעמענטן השם ירחם.

די באוואוסטזיניגקייט צו אפלייען פאר דעם גרענט איז געקומען נאך וואס דער ווילעדזש האט געמאלדן דעם פארלאפענעם מאנאט מאי איבער דעם גרענט. באַזונדער האָט דער ”גרענט שרייבער” פונעם ווילעדזש צוגעהאלפן די קהילות צו אויספולן די ”ריסק אסעסמענט” און פיילן די אפליקאציעס, און ווירקליך האבן אלע אפליקאנטן באקומען דעם ריזן סומע פון 50,000 דאלאר.

דער פעדעראלער פראגראם ארבעט אז זיי שענקען יעדע יאר א סומע פאר זיכערהייט. איין יאר 50 טויזענט און א יאר דערויף 150 טויזענט, כל זמן עס איז דא געלט אין דעם בודזשעט פאר דעם פראיעקט. דעריבער מעלדט די ווילעדזש יעצט ווידעראמאל אז דער ווילעדזש ”גרענט שרייבער” שטייט גרייט צו זיין בייהילפיג די קהילות און בתי מדרשים צו ווידער אפלייען פאר די גרענט, און דאסמאל וועט דאס זיין א הוספה פון 150 טויזענט דאלאר. די וועלכע זענען פאראינטערעסירט זאלן זען דעם בייגעלייגטן מעלדונג מיט די קאנטאקט אינפארמאציע.

די געלטער ווערט געגעבן פאר די וויכטיגע צוועק פון זיכערהייט פאר די שולן, וואס אנטהאלט אזעלכע נויטיגע אויסגאבן ווי אינסטאלירן זיכערהייט קאמערעס און אלארם סיסטעמען, זיכערהייט טירן, צוימען און פענסטער און אזוי ווייטער. אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר.

# פייער ביי אידישע היים ברענגט ווידער אויף וויכטיגקייט פון "עמוירדזשענסי רעספּאָנס דעוויזיע"

ווידעראַמאָל האָט זיך אַרויסגעשטעלט די סייעתא דשמיא און קריטישע וויכטיגקייט פון האבן אַן אייגענע "עמוירדזשענסי ריספּאנס דיוויזשען" צו רעאגירן אויף עמוירדזשענסי צוועקן, אן זיך דאַרפן פארלאזן אויף די אלגעמיינע דעפארטמענטס אין דער אומגעגענט.

געווען איז דאס ווען דעם פארלאפענעם שבת פ' קדושים האט אויסגעבראכן א פייער אין דער טעראסע פון די תושבי העיר. דאס פייער האט זיך אנגעהויבן דורך אן עקסטענשאן ווייער אויף די פארטש פון די פאמיליע, עס האט באלד אויפגעפלאמט און געדראעט אראפצונעמען דעם גאנצן הויז אין געציילטע מינוטן. וויבאלד אין די הויז האבן זיך געפינען א צאל קינדער און פאמיליע מיטגלידער און עס האט זיך גענויטיגט א פאכמאנישע ארבעט צו ארויסראטעווען אלעמען האט דער איד אלארמירט אין דער איילעניש די "חברה הצלה".

ס'איז ווירקליך געווען א קידוש השם וויאזוי היימישע יונגעלייט מיט'ן טלית און שטריימל זענען באלד אנגעקומען אין דער איילעניש און מיט הערואישקייט געלאשן דעם פייער צו ערמעגליכן דאס ארויסראטעווען די קינדער פון דעם ברענעדיגן הויז.

אין קעגנזאץ איז די היגע "פייער דעפארטמענט" אנגעקומען ערשט 13 מינוט נאך וואס זיי זענען אלארמירט געוואָרן! ס'איז אייגנטליך זייער שווער צו זיך אויסמאלן דאס טראגישע בילד וואס וואלט געקענט פאסירן אין די אפוועזנהייט פון די געטרייע הצלה וואלונטירן, ה"י.

די נישט אידישע שכנים פון די געגענט האבן אלע באוואונדערט די שנעלע רעספאנס פון די אידישע וואלונטירן, ומלאך רע בעל כרחו יענה אמן, ווען די אינצידענט איז גענומען געווארן אין פארגלייך צו די טראגישע פייער אין בלומינגראוו מיט עטליכע חדשים צוריק ווען א צאל פאטאליטעטן זענען רח"ל אומגעבראכט געווארן אין א פייער דא אין שטאט, וראו מה בין בני לבן חמי.

אין די יעצטיגע טעג ווערט ווייטער אויסגעארבעט די גענויע דעטאלן פון דעם צוקונפטיגן "עמוירדזשענסי רעספאנס דיוויזיע" אין וועלכע עס וועלן זיין אנגעשלאסן א מאיאריטעט פון די חברה הצלה לייט פון די בלומינגראוו חברה הצלה. גלייכצייטיג זיצן די וואלונטירן און די פירערשאפט פון דער איינהייט מיט א וועד פון רבנים ומורי הוראה שליט"א צו אויסארבעטן די הלכה'דיגע חלקים אז עס זאל זיך פירן על פי הלכה וכדת של תורה.

## ווילעדזש פּרובירט אויס סעמפּל מאדעלס פון "סאלער" עלעקטעריק צו באַלייכטן די גאַסן פון דער שטאָט

(פארזעצונג פון ערשטע זייט)

עס דאַרף נישט זיין פאַרבינדן מיט'ן עלעקטעריק סיסטעם פון דער שטאָט, און אַזוי אַרום וועט דאָס נישט אָפּקאָסטן קיין פרישע הוצאות אין דעם לאַנגן טערמין. אַזוי פאַרלאַנגט דאָס פיל ווייניגער מעינטענענס און רעפּירס.

עס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פינף "סעמפּל מאדעלס" פאָרנט פון דעם ווילעדזש האָלל, צו געבן די געלעגנהייט פאַר איינוואוינער, זאלן באַטראַכטן אַלע אָפּציעס און באַשלוסן וואָס פאַראַ מאָדעל עס זאל ווערן גענוצט און וועלכע סטיל ס'איז דאָס מערסטע געאייגנט פאר די איידעלע כאַראַקטער פון אונזער שטאט.

אין די קומענדיגע טעג, נאָכדעם וואָס מען וועט זיך איבערצייגן אין די שטאַנדהאַפטיגקייט און ווירקזאַמקייט פון דעם סאלער סיסטעם, און לויט די רעאַקציע און באַשלוס פון די איינוואוינער, וועט מען אויסוועלן די באַשטימטע מאָדעל, און אָנהויבן די פאַקטישע אינסטאלאציע פון די באַלייכטונגען אויף אונזערע גאסן.

**ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם!**



# באַשיידענער מסיבת הכרת הטוב אפגעהאלטן אין שטוב פון העסקן המרומם מו"ה משה דוד נידערמאן הי"ו

דעם פארלאפענעם חול המועד פסח איז פארגעקומען אן ערהאבענער מסיבת הכרת הטוב, להביע רננות בעד מפעלו, פון האי איש נכבד בעמיו, העסקן הנמרץ, ראש וראשון לכל קדשי בית ישראל בכל קצוי תבל, לפני מלכים ורוזנים יתייצב, הרה"ח מו"ה משה דוד נידערמאן שליט"א, וואו די דעפיוטי מעיאר, טראסטיס און די עסקני העיר זענען אריבערגעפארן זיך באדאנקן פאר זיין אומערמידליכע שתדלנות במשך די יארן.

ביי דער געלעגנהייט האָבן די בלומינגראווער עסקנים פרעזענטירט א הערליכע מתנה פאר דעם וועטעראן עסקן, און האבן אינאיינעם פארברענגט מיט דברי תורה און דברי הימים אין די רייכע קורות הימים פון זיין שתדלנות קאריערע.

הרה"ח ר' משה דוד שליט"א איז פאקטיש שוין אינסטרומענטאל בעצה ותושי' פון דער מינוט וואס דער אידישער ישוב אין בלומיגראוו האט זיך אנגעהויבן עטאבלירן, און בפרט די לעצטע עטליכע יארן, אפילו נאך בעפאר די יו-דזשי-סי האט זיך פארמירט און נאך בעפאר א מאיאריטעט פון אידישע ווייל'ער האבן אריינגעוועלט היימישע עסקנים אין די ווילעדזש קארידארן.

עס איז אונז אלע ברייט באקאנט די פארפאלגונגען וואס מיר זענען דורכגעגאנגען אין די לעצטערע יארן, אבער די קריטישע שתדלנות דורכאויס אלע אומשטענדן איז נישט אזוי ברייט באקאנט. ר' משה דוד איז שטענדיג געווען אין קאנטאקט מיטן גאווערנאר'ס אפיס ווען די פאליטיקאנטן אין די אומגעגענט זענען אונז דערגאנגען די יארן. מיט אַן אמת'ע געטריישאַפט איז ער שטענדיג געשטאַנען צוהילף פאר דער געגנט מיט אלע ענינים, צו זאל דאס זיין ביים שתדל'ען צו וועטאאירן דעם "פרעזערוועישאן טעקס", אדער ביי די שווערע לעגאלע קאמף וואס מען פירט מיט די "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט", אדער ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגן דעם געזעץ פון "האוז אוו ווארשיפ". די אלע שתדלנות האט ער געטון אויף זיין אייגנארטיגן און אידישן מהלך פון ארבעטן הונטער די קוליסן ווי זיין שטייגער איז שטענדיג.

אין זיין הויז אין היילענד מילס אין די שכינות, וואו ר' משה דוד האט זיך אויפגעהאלטן במשך די ימי הפסח, זענען די עסקנים אריינגעגאנגען מיט דעם ציל צו מחזק זיין און אויסדרוקן א דאנק און שטיצע פאר דעם וועטעראן עסקן, אבער "בא לחזק ונמצא מחוזק". ר' משה דוד האט פארציילט פון זיין ערפארונג יארן צוריק אין וויליאמסבורג, ווען די גרעניץ איז געווען ביי העיווארד סטריט, און די שתדלנות צו אויסשפרייטן די געגענטער ארום און ארום.

ער האט פארציילט איבער די היסטאריע פון דעם ערשטן פראיעקט אין די דעמאלט-ווייטע קלעסאן עוועניו, און די ווידערווילן פון געוויסע ארויסצוגיין פון אונטער די מאמעס פארטוך, וואס איז דורכגעבראכן געוואָרן אדאנק די שטארקייט פון יחידים וועלכע האבן געשטעלט דעם טאן און געהאלפן אויסברייטערן די אידישע גרעניצן אין וויליאמסבורג, עס איז טאקע נישט גרינג אנגעקומען, אבער דאָס איז צו פארדאנקען די הרחבת גבולי הקדושה.

אין דעם שמועס האט ר' משה דוד ערוועהנט די וויכטיגקייט פון זיך נישט לאזן געשלעפט ווערן אין די זייטן פון פאליטישע אינטערעסן נאר אנגיין למען כבוד שמו יתברך צו העלפן אידישע קינדער, און האט מדריך געווען די עסקנים אין דעם אלטן אויסגעטראטענעם וועג פון שתדלנות און עסקנות ווי ער האט מקבל געווען פון רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל און די עסקנים פון דעם פריערדיגען דור. וכמים הפנים אל פנים האבן די עסקנים אים געוואונטשן ער זאל קענען ווייטער אויפטון גדולות ונצורות למען צרכי בני ישראל בכל מקום שהם.


בס"ד

בס"ד

אות הכרת הטוב!

נשגר אות הכרת הטוב, בשיר ושבח ותהלה לרוב, להגיש ולהביע מיטב ברכותינו, אל מעלת כבוד ידידינו, האי עושה ומעשה, מופלא ומופלג בכל מדה ומעלה נכונה, אוצר כלי חמדה ומאוד נעלה, מרבה להיטיב, עומד לימיננו בימין צדקו בתדירה, שמו הטוב הולך לפניו לשם ולתהלה, ונודע בתוך אמוני עם סגולה, לו יאתה כל שבח ושירה, הי"ה

האי איש אמונים, יקר מפנינים, בחכמה פותח שערים ודברים, בחן ובשכל טוב בעיני אלקים ואדם

איש האשכולות, רב תבונות, בפנים מסבירות, איש חי ורב פעלים, שמו מפארים

הרבני החסיד המפורסם

לפני מלכים ושרים יתייצב

הרב

משה דוד ניעדערמאן

שליט"א

הלוא הוא הגבר אשר בחריצות לבו הטוב ובכשרונותיו הברוכים עומד לנס זה רבות בשנים במסירות נאמנה, לעסוק בצרכי ציבור באמונה ולהטיב עם ישראל למען הכלל והפרט במדה גדושה

ובמיוחד שומה עלינו כעת להגיד לאדם ישרו, ולהביע שבח דא שירותא על אשר התייצב בשער המלכות

והפליא פלאות ברב פעלים בהשכל ובדעת אצל שרי השלטון

להפר מחשבות ערומים ולמנוע חקיקת החוק "פרעזערוועישאן טעקס"

שכל תכליתה הי' מכוון להצר צעדינו מלכת ברחובותינו ח"ו

ובעוז פעולותיו המבורכים ובהשתדלותו הנכונה אכן חפץ ה' בידו הצליח למגר תחבולות רשע ולבטל את החקיקה, ומשמיא קא זכי' לי' להציל ממונם של ישראל, למען נוכל להרחיב גבולי הקדושה בעירינו המעטירה בעוז ובעצומות, ובכן נודה לשמכם בתוך אמוני עם סגולה, ואין די מילים בפינו להודות ולהעלות על נס גודל הכרת טובתינו לעומתך!

אשרי לו ואשרי חלקו, מה טוב חבלו לעולמים,

שבחו וצדקתו יעמוד בתדירים, בזכותים גבוהים ורמים.

בשם מאות תושבי בלומינגראוו הננו מביעים לו מיטב ברכותינו:

יהא רעווא מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה להמשיך פעלים ברוכים כאוו"נ לתורה ולתעודה, בקרב עם סגולה, מתוך הרחבת הדעת מנוחה ושמחה, מתוך נחת ותענוג דקדושה, עדי נזכה לביאת הגואל במהרה

כה דברי המברכים מעומק הלב, מוקירי פעולתו, מעריכים כערכו

יואל שטערן, יצחק עקשטיין

בשם איחוד קהלות בלומינגראוו

United Jewish Community of Blooming Grove

איחוד קהלות בלומינגראוו





יָמִין וּשְׂמֹאל תִּפְרֹצִי וְאֶת ה' תַּעֲרִיצִי :

# ערשטער גליקליכער איינוואוינער זיך אַריינגעצויגן בשעה טובה ומצלחת אין ניי-אויפגעכאַפטע "באַרנס" אומגעגנט אין טאַון אָוו בלומינגראָוו

**אַדאַנק איבערמידליכע באַמיאונגען דורך "יו. דזשעי. סי" ווערט אונזער שטאט ב"ה אויסגעברייטערט צו באַרנס ראָוד און אַרומיגע גאַסן אַנטהאַלטן אַ געבענטשטע סופליי פון רחבות'דיגע הייזער פאר עפאָרדעבל פרייזן וואָס וועט בעז"ה זיין אַ געוואונטשענע לעזונג להרחיב גבולי הקדושה**

## די "יו. דזשעי. סי." וועט ווייטער באַגלייטן היסטאָרישע הרחבת גבולי הקדושה מיט אַלע סאָרט הילף און וויכטיגע אַנטוויקלונגען לכונן עיר מושב על תילה

דעם פאַרלאָפענעם ערב שב"ק פרשת בהעלותך העעל"ט, האָט די שטאָט בלומינגראוו אָפגעצייכנט אַ היסטאָרישער און ווייטגרייכענדער אַנטוויקלונג, ווען דער ערשטער היימישער איינוואוינער האָט געטון דעם דראַסטישן אָבער געבענטשטן שריט, בעיני אלקים ואדם, און זיך אַריבערגעצויגן זיך צו באַזעצן אין דעם הערליך - נייעם "בארנס" געגנט, וואו עס אַנטוויקלט זיך אן עיר ואם בישראל לשם ולתפארת.

אָט דער היסטאָרישער מאָמענט איז אַ פרישע ווייטגרייכנדע מייל - שטיין וואָס וועט אָן קיין צווייפל פאַרשריבן ווערן אין דער בליענדער געשיכטע פון בלומינגראוו המעטירה, אַלס אַ נייע גלאָררייכע קאַפיטל אין די תולדות דברי ימי עירינו, ווען די גרעניצן פון דער שטאָט זענען ב"ה אויסגעברייטערט געוואָרן אויף אַזאַ הערליכן פאַרנעם, צו פאַרזיכערן אַ לעכטיגן עתיד פאר נאָך טויזנטער צוקונפטיגע איינוואוינער, קינדער געבענטשטע פאַמיליעס, וועלכע וועלן בעז"ה דאָ וואוינען מיט אַ מנוחת הנפש ביז משיח'ס טאָג.

'אין אַ צייט וואָס דער דירות מאַנגל אין אַלע היימישע געגנטער באַאומרואיגט אידן וועלכע זוכן אַ דאַך איבער'ן קאָפ פאר די קינדער געבענטשטע משפחות בליעה"ר, האָט אונזער באַליבטע שטאט, די עיר ואם בישראל בלומינגראוו המעטירה, זיך קונה שם געווען אומעטום מיט איר הערליכע כאַראַקטער, וואָס האָט געברענגט דערצו אַז אידן פון נאָנט און דער ווייט זוכן דאָ צו קויפן הייזער, אָבער, צום באַדויערן, וויבאַלד ס'איז נאָכנישט פאַרהאַן קיין באַלדיגע סופליי פון הייזער האָט דאָס צום באַדויערן אַרויפגעטריבן די פרייזן צו הימל-שרייענדע ציפערן, קעגן יעדע לאָגישע סברא און אַ ווייטאָגליכע ערשיינונג וואָס ברענגט נישט קיין תועלת פאר קיינעם.

אָט דערפאַר זענען עס געווען די געטרייע עסקני העיר, וועלכע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן, צו טרעפן כאָטש אַ צייטווייליגע לעזונג, צו מוטיגן די אויסשפרייטונג אויך צו דעם הערליכן אומגעגנט פון בארנס ראָוד און אַרום, וואָס געפינט זיך אין דער טאַון אָוו בלומינגראוו, אַ שפאַן אַוועק פון די היימישע ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו, וואס איז אַ שלימות'דיגע אָפציע פאר היימישע אידן מיט אירע שיינע, פראַקטישע און באַקוועמע הייזער, און שטעלט פאָר אַ וויזיע און פאַסיגע מעגליכקייט פאַר אַ בליענדע וואוקס וואָס זאָל עווענטועל קענען אריינגעמען פילצאליגע היימישע משפחות וואָס וועלן זיך אַהין באַזעצן רואיג און צופרידן.



**ספעציעלער מיטינג אין די יו.זשעי. סי. אפיס אינאיינעם מיט די בלומינג ריעלטי טיעם, פאר די פארשריט פון די הרחבת גבולי הקדושה אין די בארנס געגענט**

# ברכת הקודש פון כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א

עס איז שוין אַ לענגערע צייט וואָס כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א, אשר עינו ולבו איז שטענדיג איבערגעגעבן למען הצלחת עירינו כידוע ומפורסם, האט באַאויפטראַגט די עסקני העיר זיך צו אַריינלייגן און טרעפן אַ שטיקל לעזונג צו דעם דירות קריזיס וואָס הערשט אין שטאָט, און נישט וואַרטן ביז מען וועט אָנהויבן בויען נייע הייזער.

דער רבי שליט"א ווייזט כסדר אָן אַז ס'איז העכסט צייט זיך צו ווייטער אויסשפרייטן אויך אין דערנעבענדיגע געגנטער, פונקט ווי אונזער שטאט בלומינגראוו האָט זיך נישט פאָרמירט אויף איינמאָל, נאר מען האָט צוערשט בלויז געוואוינט אין די "ווארלי הייטס" געגנט, פון דאָרט האָט מען זיך באַזעצט אין "קעפיטעל היל" און פון דאָרט צו "לעיק שאור", דאָס זעלבע איז אַצינד פאַרהאַן דער געברויך צו גיין ווייטער און זיך קובע זיין אין די שכינות'דיגע גאַסן. ימין ושמאל תפרוצו לכונן עיר מושב על תילה.

דעם אָנהויב ווינטער, עש"ק פרשת חיי שרה העעל"ט, זענען די עסקנים פון דער "יו. דזשעי. סי." אַריין אל הקודש פנימה, צו כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א, וואו מען האָט פאָרגעשלאָגן פאַר'ן רבי'ן שליט"א די הצעה איבער דעם נייעם געגנט. זייענדיג שוין בפניא דמעלי שבתא, איז דער רבי שוין געוועזן מלובש ומעוטר מיט די בגדי שבת, אָבער צוליב דעם געוואַלדיגן חשיבות הענין האָט דער רבי אויסגעדרוקט זיין באַגער זיך זעלבסט צו אומקוקן פון דער נאָענט און באַזוכן דעם נייעם געגנט פון "בארנס ראָוד" און די זייטיגע געסלעך, אין דעם טאַון אָוו בלומינגראוו.

ס'איז ווירקליך געווען אַ מחזה הוד וויאַזוי דער רבי שליט"א, שוין געקליידעט מיט די בגדי שבת, שטריימל בעקיטשע, האָט זיך אַראָפגענומען פון זיין צייט, אין אַזאַ גרויסן זמן פון ערב שב"ק לעת ערב, צו אַרומפאָרן מיט די עסקנים און זיך אומקוקן פערזענליך אויף דעם הערליכן ראַיאָן וואָס וועט זיין אַ חלק פון אונזער עיר ואם בישראל.

דער רבי האָט אַ היבשע ווײַלע באַטראַכט די גאַסן און אויסגעדרוקט זיין הנאה וקורת רוח פון דעם געגנט, וואָס טראָגט אַ געוואַלדיגן חן מיט אירע ברייטע פראַפערטיס און רחבות'דיגע הייזער. דער רבי האט דערביי מאציל געווען ברכתו הטהורה אַז דאָס פלאַץ זאל טאַקע האָבן די ריכטיגע הצלחה, און זיין אַ מקום קדוש ומוכשר פאַר אידישע משפחות.

# די שנעלע אַנטוויקלונג פון הרחבת הגבולים

בשעתו, דעם אָנהויב ווינטער, האָט נאָך דער פלאַן אייגנטליך אויסגעקוקט ווי אַ טרוים וואָס וועט געדויערן אַ לאַנגע צייט, אָבער בברכת הקודש האָבן די געטרייע עסקני העיר אָנגעהויבן שטופן און אַגיטירן מיט פילע באַמיאונגען אַז דער געגנט זאל וואָס שנעלער ווערן אַ מציאות של קיימא. מען האָט געאַרבעט סיי מיט היימישע בראָוקערס וועלכע זאָלן זיך אַריינלייגן אין דעם געגנט, און סיי צו באַאיינפלוסן אידן זאלן האָבן דעם "בלומינגראווער מסירת נפש", און מאַכן דעם ריכטיגן שריט, זיך צו אויסברייטערן און באַזעצן אין אַ פרישן געגנט, אַז אונזער שטאט זאָל נישט אויסקוקן ווי אַנדערע פלעצער וואו מען איז געבליבן שטעקן אין די זעלבע גאַסן.

מיט אַסאַך סייעתא דשמיא איז שוין די געגנט פאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גוט - גייענדע מאַרקעט, ווען פילע היימישע אידן שליסן גוטע דיעלס אויף גרויסע הייזער מיט אַרומיגע פראַפערטיס פאר גינסטיגע פרייזן, וואו זיי וועלן געניסן פון א באַקוועמע דירה נאה המרחיבה דעתו של אדם, אין דעם זעלבן גייסט און באַגערטע אַטמאָספערע פון אונזער שטאט בלומינגראוו.

דעם פאַרלאָפענעם דינסטאָג בהעלותך העעל"ט איז אָפגעהאַלטן געוואָרן אַ העכסט פראָדוקטיווער זיצונג אין די הויפטקוואַרטירן פון דער "יו. דזשעי. סי." מיט דער באַטייליגונג פון אַ שיינער ציבור, אייגנטומער פון הייזער און פראַפערטיס, וועלכע זענען שוין אַריין אין קאָנטראַקט אָדער געקויפט, אין די "בארנס" אומגעגנט.

ביים דעם מיטינג האָט מען געהערט טרעפליכע ווערטער פון די "יו. דזשעי. סי." שלוחי ציבור, וועלכע האָבן בסבר פנים יפות ערקלערט דעם זכות וואָס די ערשטע נחשונים וועלן טראָגן, צו העלפן אויסברייטערן די געגנט אויף אַזא הערליכן פאַרנעם און די אויסטערלישע פאָטענציאַל אין דעם נייעם געגנט, וואָס וועט אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט זיין אַ טייל פון דעם אייגנאַרטיגן בלומינגראווער כאַראַקטער.

מטעם די "יו. דזשעי. סי." איז אויך געגעבן געוואָרן די צוזאָג פאר אַלע תושבים אַז זיי גייען נישט אַרויס אין קיין "ארץ לא זרועה", נאר מען וועט זיי שטיין צו דער האַנט מיט אַלעס וואָס פאָדערט זיך, זיי צו העלפן און באַגלייטן אויף טריט און שריט. מען וועט זיך בעז"ה נישט דאַרפן מוטשן מיט דיסקרימינאַציע אָדער אַנדערע לעגאַלע און טעכנישע פראָבלעמען, ווייל מען וועט אייביג זיין גרייט צו אַרויסהעלפן און פאַרזיכערן די רעכטן און באַקוועמליכקייט פון יעדן יחיד און רבים.

ביי דער זיצונג האָבן זיך אויך צונויפגעשמועסט די אייגנטומער פון די הייזער, וועלכע האָבן צווישן זיך דוסקטירט פאַרשידענע וויכטיגע דעטאַלן איבער דעם עתיד פון דער געגנט, ותשועה ברוב יועץ, און מען איז אַרויס פון דאָרט מיט אַ קלאָרן באַשלוס צו טון דעם ריכטיגן שריט אויף דעם זעלבן שטייגער ווי די ערשטע מייסדים פון בלומינגראוו האָבן געטון מיט בלויז 5-6 יאָר צוריק, צו באַזעצן דעם געגנט און זיך אויסברייטערן מיט אַ מנוחת הנפש.

# ויקם השדה, תקומה היתה לה; ערשטער איינוואוינער ציעט זיך אַריין

איז עס דערפאַר אַ בשורה מרנינה ביי


United Jewish Community of Blooming Grove
Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

בס"ד

הטיבה ה' לטובים ולישרים בלבותם!

להגיד לאדם ישרו!

מיט די פאלגענדע שורות טוען מיר באגריסן
ידידינו העסקן הנמרץ

מו"ה **יואל מויזקאפף** הי"ו

**אראנזש קאונטי טראנספארטאציע דיספעטשער פאר די מוסדות התורה אפטיילונג**

וואס פארפיגט דורכאויס די יאר אויף די באסעס צו און פון די מוסדות התורה
פאר די הונדערטער קינדערלעך תושבי בלומינגראוו צום צופרינדהייט פון תושבי העיר

**לכו בכחכם זה! מחיל אל חיל!**

אצינד צום בעפארשטייענדן זומער האט ער גענומען דעם אחריות בחפץ לב
ארויסצוהעלפן די תושבי העיר און אזויפיל תשב"ר אהערצושטעלן בעזהשי"ת

**טראנספארטאציע אויף די זומער חדשים דורך די אראנזש קאונטי טראנזיט פירמע פאר א צוגענגליכע פרייז**

**א שריט וואס וועט ארויסהעלפן די תושבי העיר, בפרט יעצט נאך וואס מיר זענען געשטאנען אין א קריזיס צייט אין דעם געביט, איז עס א דאנק די שווערע ארבעט פון ר' יואל הי"ו געלעזט געווארן לשמחת לב תושבי העיר!**

יישר כח ר' יואל!

**תושבי בלומינגראוו טוען אייך דאנקן און וואונטשען הצלחה און סייעתא דשמיא אויף אייער געטרייע ארבעט א גאנץ יאר! און באזונדער יעצט אויפ'ן זומער!**

די שווערע ארבעט צו העלפן אזויפיל ריינע קינדערלעך תינוקות של בית רבן מיט זייערע עלטערן
וועט זיכער אקעגן קומען און בישטיין געבענטשט צו ווערן מיט כל הברכות האמורות בתורה!

**תוקף פעולות תפארתם**

ואתו עמם, מיר ווילן באגריסן די געטרייע עסקנים חשובים וואס האבן זיך
איבערגעגעבן פאר דעם פראיעקט און געשטאנען לימינו ה"ה ידידינו היקרים והחשובים

**עלטערן קאמיטע פון די מוסדות התורה**

מו"ה **אשר זאב גוטמאן** הי"ו מו"ה **יצחק פנחס עסטרייכער** הי"ו
**מוסדות תורה ויראה דרבינו יואל**

מו"ה **גדלי' פעלדמאן** הי"ו ואחיו מו"ה **יואל פעלדמאן** הי"ו
**מוסדות תורה ויראה ויואל משה**

מו"ה **יואל שווארץ** הי"ו מו"ה **יואל רובינשטיין** הי"ו
**מוסדות תורה ויראה בני יואל**

וואס האבן אינאיינעם געארבעט מיט ר' יואל, ארויסצוהעלפן אז מ'זאל אנקומען צו דעם!

**אשריכם עסקנים! אשריכם ואשרי חלקיכם זכות הרבים תלוי בכם!**

יהי רצון שישרה שכינה במעשי ידיכם! שמחתי באומרים לי בית ה' נלך!

**אין עוד מלבדו! ובשם ד' נעשה ונצליח!**

מיט דאנק און שעצונג

**יואל שטערן יצחק עקשטיין**

**אברהם אבא גרינהוט, אלימלך היללער, חיים גליק, יואל אלכסנדר שטערן, יושע אלימלך ביטמאן, שמואל ברוך קאהן, שמעי' שפיטצער**

אין נאמען פון די פאראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינגראוו

# ווידער-ערוויילטער מעיאָר מיט היימישע טראָסטיס איינגעשוואוירעֶן צו פרישע טערמין

דעם פארגאנגענעם חול המועד פסח איז אינעם זאל פון דער "ווילעדזש אוו בלומינגראוו" אָפּגעראָכטן געוואָרן די אפיציעלע איינשווערונג צערעמאניע פאר דעם מעיאר און די צוויי טראסטיס, הרב החסיד כהן שדעתו יפה מו"ה אברהם משה הכהן ווייס שליט"א און הרה"ח ר' יצחק פעלדמאן הי"ו, וועלכע האבן ב"ה אנגעהויבן אצינד זייער צווייטן טערמין צו דינען דעם ציבור אין דעם אמט.

דער פריידיגער מעמד איז פארגעקומען אום חול המועד ווען די טראסטיס זענען געקליידעט אין די יום טוב'דיגע מלבושים מיט די שטריימל בעקיטשע און ווייסע זאקן, וואס טוט אייגנטליך אַמבעסטן צייגן און כאראקטעריזירן דעם שטאנד פון אונזערע פארשטייער אין די ווילעדזש, וועלכע זענען אַריינגעקומען אין אמט מיט דעם אידישן "שם, לשון, ומלבוש", אין די טעג פון פסח וואס אין דעם זכות זענען אונזערע עלטערן געווארן אויסגעלייזט אין מצרים בימים ההם בזמן הזה.

הר"ר אברהם משה הכהן ווייס הי"ו איז מכובד געווארן צו איינשווערן דעם מעיאר ירום הודו. הר"ר יואל שטערן הי"ו איז מכובד געווארן צו איינשווערן דעם טראָסטי הר"ר אברהם משה ווייס הי"ו, און הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו האָט איינגעשוואוירן דעם טראָסטי הר"ר יצחק פעלדמאן הי"ו.

דער מעיאר האָט דערביי ווארעם פארשפראכן צו ווייטער מיטטארבייטן מיט די געמיינדע און אנהאלטן די באַציאונגען און קאאפעראציע אזוי ווי ביז איצט. און עס איז געווען א געוואלדיגע פארגעניגן און שמחת יום טוב צוריקצוקוקן אויף די פארשריט פון די פארלאפענע 18 חדשים, וואס מען האט אלץ אויפגעטון, לנצח על מלאכת בית ה', ובשם ה' נעשה ונצליח.













אַלעמען, ווען מען האָט דערלעבט דעם היסטאָרישן מאָמענט, דעם פאַרגאַנגענעם עש"ק לסדר בהעלותך העעל"ט, ווען דער ערשטער תושב פון דעם נייעם געגנט, האברך היקר שמו מפארים בעדת חבלו, מו"ה נטע שלום פירטה הי"ו, האָט געטון דעם געבענטשטן און הערָאישן שריט בקורות ימי עירינו, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין זיין הערליכע וואוינאָרט וואָס געפינט זיך אויף דעם "האָרטן" ראָוד, אין האַרץ פון דעם הערליכן "בארנס" געגנט.

איבערהויפט איז דאָס דער אָנהויב פון אַ נייע עפּאָכע, זייענדיג בלויז די ערשטע אין דער רייע פון מערערע גליקליכע תושבים וועלכע וועלן אין די קומענדיגע וואָכן זיך אַריינציען אין דעם נייעם ישוב. אידן מיט דעם ריכטיגן ישוב הדעת וועלכע זענען גרייט צו אַרויסגיין פון דעם צייטווייליגן "קאמפארד זאָנע" און אויסשפרייטן די שטאָט צו ווייטערדיגע גרעניצן, פון וואָס זיי זעלבסט וועלן דאָס מערסטע געניסן.

די עסקנים פון דער "יו. דזשעי. סי." זענען אַצינד עוסק אין ערנסטע באַמיאונגען אַז מען זאָל שוין אין די גאָר נאָנטע טעג גרונדן אַ בית המדרש לתורה ולתפלה אין צענטער פון דעם נייעם געגנט, וואָס וועט זיין אַ פנת יקרת און אַ לייכטורעם פאר אַלע איינוואוינער שוין אַזוי פרי ווי אין די קומענדיגע צוויי - דריי וואָכן בעז"ה.

תושבי בלומינגראוו הייבן אַרויס מיט שעצונג דעם נאָבעלן שריט פון דעם ערשטן נחשון און פּיאָנער און ס'איז דער ווואונטש פון אַלעמען אַז "מלכא דעלמא יברך יתהון". דער גרויסער זכות פון רבינו הק' זי"ע מייסד עירינו וועט אים זיכער שטיין צו דער האַנט, אַלס דער גרויסער בונה ומקים, וועלכער האָט דעם אייביגן זכות פון מעמיד זיין און מרחיב זיין גבולי הקדושה פון אונזער הערליכע שטאט.

מטעם די "יו. דזשעי. סי." ווערט טאַקע ווידעראַמאָל קלאָרגעשטעלט אַז די פעולות לטובה שטעלן זיך בעז"ה נישט אָפּ ביי די גרעניצן פון דעם ווילעדזש, מען וועט שטיין צוהילף אויך פאר דעם נייעם געגנט, מיט אַלע באַדערפענישן און צרכי הכלל והפרט, פונקט ווי מען באַגלייט די עקזיסטירנדע געגנטער ביז היינט. איבערהויפט וועט דאָס זיין פיל לייכטער, זינט מיר האָבן שוין אַצינד אַן אייגענעם היימישן פאַרטרעטער אין דעם טאַון קאָנסיל וואָס וועט בעז"ה אַסאַך פאַרגרינגערן דעם פראָצעדור און ברענגען גינסטיגע רעזולטאַטן פאר אחינו בני ישראל.

**בלומינגראוו המעטירה וואַקסט און ברייטערט זיך אויס, כִּי תָבֹאוּ אֶל אֶרֶץ מוֹשְׁבֹתֵיכֶם!**




BG shtima
P. O. Box 808
Monroe NY 10949